Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

38

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 38

די גאנצע נאכט ז׳טרובא געזעסן נעבן קראנקן,
דערמאָנט די טעג, געקומען ווען ער איז אהער;
ס׳אוועקגעפירטע פערד און זײַן באזוך און זײַן ארײַנקום,
ווי ס׳איז מיט אים די ערשטע צײַט געוועזן שווער...

ווי ס׳האָט אין אים א ווילדע קראפט געברויזט,
ווי קלוג באדארפט מע האָט זי אים באהערשן;
און עפעס אייגנס, האָט געטאָן א דוכט זיך אויס,
ז׳פאראן צווישן אים און אוראָם־הערשן.

די אויגן גיבן אים א לאָפ,
די ליפן — שטיל עפעס א בלעבל;
און ווי צעלייגטער שטאָפ
האָט זיך אוועקגעשטעלט זײַן אייגן לעבן.

אין יאָך פון קיניגלעכנ פלאָט
פון פריִענ טאָג ביז נאכט ביז שפעטער
אָט איז ער, אָט,
נ'געווען פון יאָרנ זיך דערזעט ער.

... א צוגעשמידטער צו דער פאלוב
איז ער געשטאנענ יעדנ טאָג אונטער דער ביקס,
פון זונ צעפאליעט
און צעפיקט,
געקוקט מיט בלייַ צעשמעלצטנ אין די וויִעס,
ווי ס'רייַסט א וואל דאָרטנ א וואל אופ,
ווי ארום אים דער יאם זיך וויגט
און כוואליעט.

א יעדע רעגע ט'זיך געזאמט,
א יעדער אויגנבליק האָט זיך באוויגנ,
און צוויי און זיבעציק פונט זאמד
אים האָבנ צו דעם דעק געצויגנ.
נאָר ניט קיינ רודער מיט דער האנט,
און ניט קיינ פינטל מיט די אויגנ.
ער איז געווענ געווינט צו אָט דעם יאָך,
וואָס האָט מיט האס אים אויסגעפּאשעט,
ווי צו די זיבנ ביינער אין דער וואָך,
נ'ווי צו דער שטענדיק טוכלער קאשע.

האָט ער זיך דאמאָלט שטייענדיק געוויגט ווי נ'שלאָפ,
ס'האָט ביז דער דיך די האנט אראָפּגעלאָזט אונטער דער ביקס זיך.

און בלויז די צונג פון מויל האָט ער באוויזן אָפּט
אפ אָפּלעקן דעם שוויס, וואָס האָט ווי אומפּלייט זיך געביסן.

די לעצטע שטראָף האָט ער געפאקט — דערמאָנט ער זיך איצט — אקוראט
פאר דער צווייקעפּיקער שטיק מעש, וואָס אפ זייַנ רימענ;
דעם צווייטנ טאָג האָט ער זי ניט געהאט
ווי ס'דארפ צו זייַנ געפּוצט און ניט געריבנ;
און ס'האָט אראָפּגעפּאָכט אינ קויט דער אימפּעראטאָרישער פויגל
פונ זייַנ פארקרעמפּעוועטנ בויך;
די געלע פליגל אויסגעזענ האָבנ ווי שטרוי
נאָכ א געדרעש, —
האָט זיך אנ אָפיצער איבערנ רימענ אויסגעבויגנ
און מיט דער שווערד גענומענ קראצנ די שטיק מעש:
— ס'א שטשור, דו הינטיש בלוט, ס'איז ניט קיינ אָדלער! —
און נאָכגעזאָגט דעם אָפיצער ט'ער וואָרט בא וואָרט דאָרט:
— פאראנ מיט הינטיש בלוט אנ אָדלער, —
האָט אימ דער אָפיצער
אראָפּגעלאָזט אינ באק
אזא פארטויבנדיקנ פּרעכע:
— מאטראָס טרובא!
— פאראנ, מאטראָס טרובא!
— געהערט?
— פאראנ, געהערט!
— מיכ הערט דער גאנצער עקיפּאזש, —
האָט אָפיצער געפלאמט
און נאָכ געשריגנ העכער, —
— מיכ הערט דער גאנצער יאמ,
ניט נאָר א הונט א פרעכער!

ס'האָבן זיך פויסטיק זײַנע מוסקולן געקרייצט,
ווי א שטיק קופער זיך געריסן האָט דער קינביין,
און שווארצע רינגען
און בלויע אָדערן ארום דעם האלדז ווי שטריק
געצויגן האָבן אים אפ צריק
און אויסגלײַכן זיך ניט געלאָזט,
א שפײַ טאָן כאָטש פון מאָל צו מאָל נאָר, —
ביז אויסגעדונערט האָט א שאָס:
«די רעוואָליוציע זאָגט, טרובא, דיר — Вольно!»

גלײַך ווי בא זיך אין דר'היים ז'די רעוואָליוציע געגאנגען איבערן יאם,
פון שיפ צו שיפ האָט זי א פלאמיקע געשטיגן;
דעם וועג האָבן זיך ווינטן אָפגעראמט,
געקרישעט האָבן כוואליעס זיך אפ שטיקער,
די אָפגרונטן ווי בוזעמס אופגעכראסטעט,
צו אופשטאנדן די בערג האָט זי געוועקט,
און אויסגעקלעפט באפעלן אפ די מאסטן,
און לאָזונגען צעשלײַדערט אפן דעק:
ארויסגיין זאָלן אלע מיטאמאָל דאָרט
פאנאנדערשפרייטן פליגלען בא דער פאָן!
און ס'האָט די רעוואָליוציע געמאָלדן:
דאָס האָב און גוטס געהערט דעם פאָלק!
האָט ער ארופגערוקט דאָס היטל העכער,
האָט ער אין ראש דאָס גוטס געגעבן א בארעכן:
ס'איז צוויי הארמאטן — איינס!
דער קילנוואַרפער — צוויי!
דאָס פלייש און די קאָנסערוון — דרײַ!
און הונדערט אכט און פופציק פלאשן ווײַן, —

האָט ער מיט אויגן גלאַנציקע געטאָן א פיר, —
אין פיר!
און די פאַנאַנדערוויגטע רויטע פאָן —
פון אויבנאָן!

זי האָט זיך אָפּגעזעצט, די צייַט, אזוי געלייַטערט,
ער הערט איר ווייַטן צושלאָג ווי א רוף;
און מיט א שמייכל ער דערמאָנט זיך ווייַטער,
און ראַש פאַרגאַנגענער שטייט ווידער פאַר אים אוף.
ווען מ'האָט אַן אָפּיצער אראָפּגעלאָזט אין יאַם
און איינעם בא דער וואַנט געגעבן א צעטעכער, —
האָט ער צו אלעמען געווענדעט זיך: — פאַראַן!
כאַווייִרים, רעכנ!

דאָס פאָלק גיט אָפּ דעם יאַם
דאָס, וואָס געהערט דעם יאַם!
דאָס פאָלק גיט אָפּ דער וואַנט
דאָס, וואָס געהערט דער וואַנט, —
געבליבן זייַנען צוויי האַרמאַטן — איינס,
א קוילנוואַרפער — צוויי,
דאָס פלייש און די קאָנסערווען — דרייַ,
און הונדערט אכט און פופציק פלאַשן וויַין!

מיט רייַזעס זוניקע אפ יאַמען אין דער ווייַט,
מיט זיסן טשאַד פון נאַכטישע געטריפן
געשמעקט האָבן אין שראַנק די פלעשער וויַין,
פאַרפּוצטע אין בערעטן גאָלדענע פון טריוואַקס.
זיי האָבן שטרענג באַקוקן זיך געלאָזט

און אויסלייג׳נען אפ זיך דעם אָפּשטאם פון די קוואַלן,
וואָס איז געווען מיט גאָלד דערקלערט אין יעדן אָס
אפ עטיקעטן ווײַסע פון מעדאַלן
און שטערנדלעך אפ אקסלען גלעזערנע פאַרטיפּט,
ווי אפ פּאַגאָנעס פון די שטאָלצסטע אָפיצערן.
אפ רעידן שיקערע געפירט האָט זיי די שיפּ,
אז איידלע מאָגנס זאָלן זיי פאַרצערן. —
נאָר ס׳איז א ציטער דורכגאַנגען זיך דורך זיי,
ס׳האָט אַזאַ קלונג, ווי פון א ווונדערלעכן קסילאָפאָן, געלאָזט זיך,
ווען ער האָט בלויז זיי מיטן אויג געציילט
און אויסגערעכנט, וואָס זיי קאָסטן.
ער האָט באַשײַמפּערלעך געהערט,
ווי פּיסיקײַטן איידלע שרײַען אין די בוטלס,
נו, האָט ער אפדערגיך באַוויליקט זייער ווערט
און זיי באַגיטיקט.

די פּאַלוב איז געווען געפּאַקט.
מאַטראָסן האָבן זיך געמערט פון שאָ צו שאָ נאָך,
געשטאַנען זײַנען פלעשער איידעלער קאָניאַק,
ביז העלפט פאַרדעקט אין זילבער-קאַפּישאָנעס.

א פּיבער האָט געזאָטן און געשלײַכט,
און אויסגעפּעלט האָט פּלאַץ, און אויסגעפּעלט האָט אָטעם:
— מע דאַרף דעם ווײַן צעטיילן גלײַך,
ווי ס׳האָט די רעוואָליוציע געבאָטן! —
און איבער דעק — פון זוים צו זוים —
פון טריום און צריק — געלאָפן ז׳ער פאַרהאַוועט:
אז ווי וועט מען דעם ווײַן צעטיילן אָט אַזוי,

אז קײנער זאָל ניט זײַנ באַװאָלט?
װײַל ס׳איז פאַראַנ א פלאַש א פּראָסטער באָצמאַנ,
אונ ס׳איז א פלאַש א פּאָשעטער מאַטראָס פאַראַנ,
אונ פרײד אונ אומרו אויסגעמישטע שפּראָצנ —
אונ ס׳איז פאַראַנ א פלאַש א גאַנצער קאַפּיטאַנ!

ער גיט אינ קאָפּ באַ זיכ די טעג א בלעטער איבער,
אונ שװער איז אים פאַרשטײנ
די קראַפּט, װאָס האָט מיט האַסטיקײַט אזא געטריבנ,
נ׳ער גלײבט זיכ קױמ אלײנ,
אז װענ דער צאַרטער קלאַנג איז אים אינ קאָפּ אַרײַנ,
האָט ער שױנ אײַנשטײנ ניט געקאָנט נאָכהער,
אונ װענ דער רײעכ האָט אינ סאַמע האַרצ געטאָנ א ריר נאָכ,
האָט ער ניט אויסגעהאַלטנ מער
נ׳צו אלע הונדערט אכט אונ פופציק פלאַשנ װײַנ
געגעבנ א קאָמאַנדע: — סמירנאָ!
ס׳באַפעלט אײַכ די גערעכטיקײַט אַרײַנ
אינ פאָלק, װאָס איז איצט אפנ שיפ פאַראַנענ! —
אונ אײדער עפּעס־װאָס
האָט ער די הונדערט אכט אונ פופציק פלאַשנ װײַנ אַרײַנגעגאָסנ
אינ דער קאַפּיטאַנסקער װאַנע —
נאָכהער האָט ער אַראָפּגעװאָרפנ זײַנ געװענטענעמ בושלאַט
נ׳מיט האַנט מיט נאַקעטער, מיט אויסגעטאַטויִרטער
גענומענ מישנ די געטראַנקענ אַקוראַט,
אז טײלנ צװישנ אלע זאָל מענ קאָנענ ריכטיק,
אז אויספּעלנ זאָל קײנעמ ניט פונ יעדער פלאַש,
אז אויספּעלנ זאָל קײנעמ ניט פונ יעדנ סאָרט,
אז שעפּנ זאָל דאָס פאָלק פונ װאַנע מיט דער קװאָרט,

דאָס פאָלק זאָל זען גערעכטיקייט — ווי ס'טוט זיך,
געניסן זאָל דער גאנצער עקיפּאַזש
פון אַלע סאָרטן ווײַן,
וואָס ס'האָט געשענקט די רעוואָליוציע.

און אין געדראַנג פון פריילעך־אופגעלייגטע יאַמ־לײַט,
וואָס זײַנען ארום אים געווען פארזאמלט,
האָט ער א יעדער פלאַש, וואָס ער האָט אופגעפּראָפּט,
צוערשט גענומען פארן קאָפּ
און אויסגעשריגן אפן העכסטן קאָל נאָך:
— טרובא מאטראָס זאָגט די מוסקאטן — וואָלנאָ!—
מיט יעדער פלאַש האָט ער געמאכט א כעזשבן פון אמאָל נאָך:
— טרובא מאטראָס זאָגט די פּאָרטווײַנען — וואָלנאָ! —
און צוגעגאַנען ז'צו אים דער קאָטשעגאַר,
ארופגעלייגט אַפ פּלייצע אים די האַנט
און: — וואָלנאָ זאָגט די רעוואָליוציע דעם לאַנד,
ניט דעם פּאָ־טווײַן מיט די מוסקאטן! —
ס'האָבן די אויגן זיך א ציל געטאָן אַפ אים,
ווי מײַלער צוויי פון רעוואָלווערן;
געריסן האָט זיך הייזעריק זײַן שטים,
א יעדער וואָרט ז'געפּאַלן שווערער,
און א באַפעל האָט אים דער קאָטשעגאַר דערלאַנגט:
— טו זיך, טרובא, צוריק אין דײַן בושלאַט אָן,
וועסט זיך אראָפּלאָזן פון שיף מיטן דעסאַנט,
ניט אין דער וואַנע ווײַן — אַפ א געטרונקל,
ניט צווישן פלעשער־בראָך און גלאָז געפּלאַצטס,
נאָר אינעם ווײַסן פּאַלאַץ — אַפן פּלאַץ —
זיך שלאָגן מיט די יונקערס!

געגאַנ איז דאָס געשלעג.
געפלויגנ זײַנענ רײַטער,
אונ דער דעסאַנט געשלונגענ האָט דעם וועג
אונ זיכ געריסנ ווײַטער.
נאָר ס׳האָט פאַר אימ אינמיטנ שלאַכט
א בליאַסק געטאָנ א ווונדערלעכע טיר,
אנ אײַנגעטונקענע אינ פּראַכט,
געשניצט אונ אינקרוסטירט —
האָט ער דאָס אויג ניט אָפּגעלאָזט פונ איר,
ס׳זײַנענ פונ מויל בא אימ געפלויגנ פונקענ:
— בראַטווא, ניט ברעכט די טיר!
די שאַרבנס ברעכט אונ קנאַקט דאָרט בא די יונקערס! —
אונ ס׳האָט זײַנ קאָל געריסנ זיכ נאָכ העכער:
— איכ וועל זי מיט א שליסל עפענענ, די טיר —
ס׳א שאָד א שיינקײַט אָט אַזאַ צו ברעכנ! —

פונ אלע זײַטנ האָט דער פּאַלאַץ זיכ געעפנט.

ס׳גיט אימ א הייסע פרייד אַזאַ פאַרהיל,
אונ אַזוי שטאָלצ גיט ער אינ דר׳הייכ א צי זיכ
פאַר זײַנ פאַרשטאַנד אונ זײַנ געפיל,
וואָס ער האָט דאַנ
אַרויסגעוויזנ...
נ׳ער גיט זיכ א דערמאַנ:
אינמיטנ שלאַכט ט׳ער א שטיק שטאָל געפײַלט,
דעמ קאָפּ אונטער א יעדער שאָס זיכ אָנגעבויגנ
אינ יעדער ווײַל
געקוויקט זיכ מיט דער טיר, וואָס האָט געבלענדט די אויגנ.

און זי געעפנט מיט געשריי
פון בלוט, וואָס האָט פון אים געקוועלט;
עס האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט,
און פון די פיס א פאַל געגעבן אף דער שוועל.
און ווען מ׳האָט אים באנדאזשעוועט די ווונדן, ט׳ער געשמייכלט,
דעם רויטן קרייץ דערמאָנען ניט פאַרפעלט:
— א כייַע נעמען דאַרף מען נאָר מיט סייכל,
אזוי אף ניט צעפּאַטערן איר שיינע פעל! —
ס׳האָט שוין געטאָגט. טרובא ט׳דערמאָנונגען געהיפּערט.
נאָר ס׳האָט א קלאַפּ זיך אין דער טיר דערהערט;
דערשראָקן, הייזעריק און מיט א כריפּע
א רוף געטאָן האָט זאָל: — אווראָם־הערש!